# דיכטערישע מאָנומענטן פאַר די מיליאָנען הרוגים

---

ניַיע צײַטן — ניַיע פײַגל.

די לעצטע 15־10 יאָר האָבן געבראַכט דער וועלט נייע פייגל. אונדזער דור האָט געזען די גרויזאַמע פליענדיקע באַשעפעניש. שראַפּנעלן זיינען ג ע פ ל ו י ג ן אין דער לופטן און אַראָפּלאָזנדיק זיך, האָבן זיי שוואַרצע וועלדער מיט די וואָרצלען אויסגעריסן, גרינע פעלדער אין רויטע שרפות פאַרוואַנדלט, פון פולע תבואה־געבענטשטע שייערס האָבן זיי פאַרגליווערטע שטיקער האַלאָוועשקע געמאַכט, שטעט און דערפער אין רויך דערשטיקט. גיפטיקע קוילן האָבן אַזוי לאַנג געשוועבט איבער מענטשלעכע קעפּ, ביז זיי האָבן די קעפּ צעשמעטערט. אַט די שוועבנדיקע גרויל־פייגל האָבן מיט זייערע שטאָלענע שנאָבלען דעם מאַרך פון מענטשישע שאַרבנס אויסגעזויגן, האָבן אָנגעוואָרפן פולע שלאַכט־פעלדער מיט סקעלעטן. 18־יאָריקע ייִנגלעך און 40־יאָריקע טאַטעס, גאַנץ־טויטע און טיילמאָל אויך נאָך האַלב־לעבעדיקע האָט מען מאַסנווייז, ווי געפּגרטע קעץ, אין שנעל־געמאַכטע קברים געוואָרפן, ביז דער רוים צווישן הימל און ערד איז אָנגעפילט געוואָרן מיט געיאָמער און קלאָג, ווי עס זאָגט די גרויסע דייטשישע דיכטערין עלזע־לאַסקער שילער:

„אַזוי פיל געוויין איז אין דער וועלט,
ווי גאָט אַליין וואָלט געשטאָרבן"...

די דיכטונג, וועלכע איז וואָך פאַר יעדער גרעסטער און קלענסטער איבערלעבונג, צי האָט זי געקאָנט אַזעלכע געשעענישן פאַרשווייגן? ניין. די דיכטונג גיט אַכטונג און ציטערט איבער אַ מענטשנס ליידן, ווי אַ מוטער ציטערט און גיט אַכטונג אויף אירע קינדער, אויף אירע ליבסטע קינדער. ווייל מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די שענסטע און ציטעריקסטע קינדער פון דער פּאָעזיע זיינען: אַרעמקייט, עלנט, דערשלאָגנקייט, צער, פּיין; זוכענישן, צווייפלען, געראַנגלען, ביטער־נישן, אַנטוישונגען, שווערע פאַרוואַגלטקייטן, טרויעריקע דערפאַרונגען.

דאָס הייסט נישט, אַז די קונסט פאַרנעמט זיך אויסשליסלעך מיט צרות און ליידן, און אַז דער פונדאַמענט, אויף וועלכן זי ווערט אויס־געבויט, איז פּעסימיזם. ניין, אַזוי צו מיינען וואָלט געווען דורכויס פאַלש. עס האַנדלט זיך אין עפּעס אַנדערש. עס גייט אין דעם, אַז די קונסט, וועלכע ווערט דאָך סוף־כל־סוף געשאַפן פון מענטשן און פאַר מענטשן, טאָר קיין אויג נישט אַראָפּלאָזן, מוז שטענדיק האָבן אין זינען דעם לעבעדיקן מענטש, צו וועמען זי ווענדט זיך, און וועלכער דאַרף זי ערשט אויפנעמען. אָבער קומענדיק אין קאָנטאַקט מיט מענטשן, מוז מען זיך, ווילנדיק נישט ווילנדיק, אָנטרעפן מיט גרויסע צוזאַמענ־שטויסן, מיט שווערן קאַמף און געראַנגל.

מיר ווילן נישט זיין איינזייטיק, מיר ווילן זיך אויסדריקן גענויער, כדי קלאָר פאַרשטאַנען צו ווערן. מיר מיינען אָט וואָס:

אַ דיכטער שרייבט אַ ווערק. לאָמיר, זייטיקע מענטשן, פּרוּוון זיך פאַרטראַכטן, צוליב וואָס טוט ער עס, צוליב וואָס זאַמלט ער אַזוי פיל פּרטים, און פאַרוואָס ביים זאַמלען וואַרפט ער אַ טייל פון די פּרטים אַוועק, ווי נוצלאָזע באַשעפענישן, און די איבעריקע צערטלט ער און גלעט און שפּילט זיך מיט זיי? צוליב וואָס, שרייבנדיק אַ בוך, באַנוצט זיך דער מחבר מיט אַזוי פיל מאָלעריי? ער מאָלט מענטשן, מאָלט חיות, מאָלט לאַנדשאַפטן און דערביי עקספּלואַטירט ער שוין פון פריער עקספּלואַטירטע פאַרבן, אָבער מערער נאָך באַמיט ער זיך אַליין צונויפשטעלן נייע פאַרבן? צוליב וואָס פּטרט ער גאַנצע טעג

אויף שניצן און אויסשניצן פיגורן; אויף שאַפן אײנפּאַכע, גראַדליניקע, פאַרשטענדלעכע אָדער פאַרוויקלטע, משונהדיקע און פאַרנעפּלטע לאַגעס (סיטואַציעס), אויף פאַרבינדן, וויקלען און אויפבינדן דעם גאַנג פון דער דערציילונג (פאַבולע)? צוליב וואָס פאַרשווענדעט אַ מענטש אַזוי פיל מאַרך, אַזוי פיל אַרבעטזאַמקייט, אַזוי פיל פאַך־קענטעניש און מענטשן־קענטעניש, אַזוי פיל געדולד און אַזוי פיל פעאיקייט?

צוליב וואָס די אַלע זאַכן?

דערויף קאָן זיין נישט אײן ענטפער, נאָר צוויי. אײנס פון די ביידע: אָדער דער שרייבער איז פאַרליבט אין שיינקייט, אַלץ אײנס אין וואָס די שיינקייט זאָל זיך נישט אויסדריקן און פון וואַנען זי זאָל נישט קומען און וואוהין זי זאָל נישט צילן, אָדער דער שרייבער האָט אַ באַשטימטע אינטענץ (כוונה) ביים קאָמפּאַנירן דאָס ווערק, אוז דאַן איז ער פאַרליבט אין אַן אידייע.

אין דעם ערשטן פאַל גייט דעם אויטאָר גאָרנישט אָן אַחוץ די שפּיל פון פאַרבן, פון וועלכע עס באַקומט זיך אַ גאַנץ בילד, און אַחוץ דעם האַרמאָנישן צוזאַמענשטעל פון קלאַנגען, פון וועלכע עס שאַפט זיך אַ מעלאָדיע. ער איז פולשטענדיק באַפרידיקט אויב אים געלינגט אַרויסצוקריגן דאָס געשטאַלט פון אַ מענטש, אַלץ אײנס וואָסער מענטש עס זאָל נישט זיין: אַ גוטער אָדער אַ שלעכטער, אַ קינד אָדער אַ קינדער־מערדער, אַן אַלפאָנס אָדער אַ הייליקער.

נו, איז אויב די גאַנצע אַמביציע איז אָנגעשטעלט בלויז דערויף צו וויזן טיפן, צו דעמאָנסטרירן מענטשן אַזוי ווי זיי זיינען אין זייער גאַנצער נאַקעטקייט, איז דאָך געוויס, אַז ער מוז האָבן צו טאָן מיט ליידן און מיט ליידנשאַפטן. ווייל 80 פּראָצענט פון דעם מענטשנס לעבן באַשטייט דאָך סוף־כל־סוף פון נאַרישקייטן, פון קליינלעכע יאָגענישן, פון נישטיקע אינטריגעס, פון ווינטיקע און זאַמדיקע האָפענונגען, פון פוסטע חלומות, פון נאַרישע איינרעדענישן, פון איבערגעטריבענע עמפּינדונגען, פון אומבאַרעכטיקטע באַליידיקונגען.

אין דעם צווייטן פאַל ווידער, וואו דער דיכטער באַמיט זיך דורכצופירן אין זיין בוך אַ געוויסע אָפּגעקליבענע אידייע, הייסט עס: אין אַט דעם בוך קעמפט דער שרייבער מיט קינסטלערישע מיטלען פאַר דער און דער אידייע. און וואו עס איז פאַראַנען קאַמף, דאָרט איז פאַראַנען אַ קעגנערישער לאַגער, איז פאַראַנען אַ שונא, קעגן וועלכן מען קעמפט. און וואָס אַ קונסטווערק, אַן אידייען־קונסט־ווערק איז שטאַרקער, ווירקונגספולער, אויפברויזנדיקער, טעמפּעראַמענטפולער — אַלץ העפטיקער, אַלץ האַרטנעקיקער, אַלץ ריזיקאַלישער, אַלץ היציקער איז דער קאַמף. און אויב אַ קינסטלער קעמפט, באַדינט ער זיך מיט זיין גאַנצער באַגאַבונג, מיט אַלע פּלאַסטישע מעגלעכקייטן, כדי צו באַווייזן, ווי שלעכט עס איז דורכדעם, וואָס זיין באַליבטע אידייע איז נישט פאַרווירקלעכט אין לעבן, וויפיל אומעט און קלאָג עס פלאָנטערט זיך פאַר די פיס, און וויפיל מענטשן עס זיינען צוליב דעם אומגליקלעך. און פאַרקערט: ווען זיין אידעאַל זאָל יאָ געפינען אַ רעזאָנאַנס (אָפּקלאַנג), ווי העלער און טרייסטנדיקער וואָלט אומעטום געוואָרן, ווי פרייער און לייכטער וואָלטן אַלע אָפּגעאָטעמט, ווי פיל זעליקייט און אויסלייז וואָלט דאָס געבראַכט.

אַלזאָ, אין בידע פאַלן איז אַבסאָלוט אוממעגלעך אויסצומיידן דעם מאָמענט פון מענטשנס ליידן.

און גערעכט איז דער איטאַליענישער ליטעראַט סעטעמברוני אין טאָמאַס מאַנס „צויבערבאַרג”, ווען ער זאָגט, אַז ליידן איז די באַליבטסטע טעמע, אין וועלכער בעלעטריסטן כאַפּן זיך אָן.

נו, אויב אַזוי, טאָ וואו איז נאָך דאָ אַ סוזשעט, וואָס זאָל זיין אַזוי אויפפאָדערנדיק, אַזוי רייצנדיק פאַר אַ דיכטער, ווי דער מלחמה־סוזשעט? די מלחמה מיט אַלע אירע שרעקן און אומרואיקייטן, מיט איר בלאָטע, פייער, בלוט און גרויל, מיט אַלע אירע איבערגעשניטענע העלדזער, מיט אַלע אירע טויט־אַנגסטן, מיט אַלע אירע גיהנומס?

האָבן מיר טאַקע אַ דאַנק דער מלחמה (הגם איר קומט אַ קנאַפּן דאַנק...) איניקע ביכער פון באַדייטנדיקן פאַרנעם.

און דאָ וויל איך אויפמערקזאַם מאַכן אויף אַ טשיקאַווער זאַך: די פון פריער געוויזענע שריפטשטעלער, די באַקאַנטע אייראָפּעאישע דיכטער האָבן נישט געהאַט דעם געהעריקן חוש צום אָפּשאַצן די גוואַלטיקע איבערקערענישן פון די לעצטע יאָרן, האָבן נישט געזען אָדער ווייניק געזען דעם טראַגיזם, וואָס די מלחמה האָט מיט זיך גע־בראַכט.

ביי קיינעם פון די פּאָפּולערע שרייבער פון אַלטן דור באַגעגנט איר נישט אַ בוך, אויף וועלכן איר זאָלט קאָנען אָנווייזן: אָט איז אַ פּרעכטיקער פּאָעטישער מאָנומענט פאַר די מיליאָנען הרוגים, וועלכע זיינען געפאַלן אומשולדיק.

עפּעס זיינען זיי געבליבן פאַרן אָנגעזיכט פון דער מלחמה ווי אָפּהענטיק און דערשראָקן און האָבן זיך מורא געהאַט צו איר צו־צורירן און האָבן דעמדאָזיקן סוזשעט אינגאַנצן אויסגעמיטן.

און טאָמער באַמערקט איר יאָ ביי זיי ערגעץ וואו נישט וואו באַהאַנדלען דעם וועלט־קריג־מאָטיוו, איז עס אָבער יעדנפאַלס נישט וועזנטלעך, עס טראָגט בשום אופן נישט אין זיך עפּעס מאָנומענטאַלס און עס לאָזט נישט איבער קיין דויערנדיקן איינדרוק.

און אויב מיר האָבן צו פאַרצייכענען אַ סעריע פּראָכטפולע, גע־פרעסטע אין פאָרם און עשירותדיקע אין אינהאַלט, מלחמה־ביכער, שטאַמען זיי נישט פון די אַלטע באַקאַנטע ליטעראַטור־שעפער, נאָר פון פרישע גייסטער, מיט וועלכע מיר האָבן זיך אין די לעצטע יאָרן באַקאַנט.

משמעות, אַז אַפילו די דאַנקבאַרסטע טעמע קאָן נישט ווערן פון יעדן איינעם (אַפילו אָט דער „יעדעראיינער" איז אַ מענטש פון גרויסן טאַלאַנט) באַהאַנדלט, נאָר זי מוז וואַרטן אויף יענעם מייסטער, וועמען זי איז באמת נאָענט און אייגן, פאַר וועמען זי איז ווי ספּעציעל געשאַפן.

און ווייזט אויס, אַז ריינער אמת איז טאַקע דאָ אין דער פּראָזע:

נײַע צײַטן ברענגען נײַע פּײַגל. אונדזער נײַע גרויסע צײַט האָט אַרויסגערוקט נײַע גרויסע מענטשן.

צי האָט מען פריער עפּעס אַ סך געהערט פונעם שרײַבער אָנרי באַרביס? ערשט זײַן בוך פון די מלחמה־אָקאָפּעס האָט אונדז דער־צײלט וועגן אַ לײַדנדיקן, שפּעריש־טראַכטנדיקן גוט־מענטשלעכן, פאַר פרידן קעמפנדיקן פראַנצויז. ערשט זײַן „פײַער״ האָט אָנגעצונדן טויזנ־טער לעזער־הערצער.

און עריך מאַריאַ רעמאַרק, וועלכער האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט זײַן מאַנוסקריפּט פון אײן פאַרלעגער צום צווייטן, וואָלט מסתמא קײנמאָל נישט זוכה געווען צו אַ מיליאָנען־אויפלאַגע פון זײַן ווערק, ווען ער וואָלט נישט געווען דער זינגער פון מיליאָנען לעבנס, וועלכע דער וועלט־קריג האָט מיט אַזאַ אַפּעטיט אויפגעפרעסן.

און דעם ענגלישן דראַמאַטור שעריף — דעם מחבר פון דעם ווערק „אַ סוף צו דער וואַנדערונג״ — ווער האָט געקענט? קײנער נישט. אַפילו אין ענגלאַנד גופא נישט.

פאַרשטייט זיך, אַז אינגאַנצן פאַראַלגעמײנערן דעם ענין קאָן מען נישט. אוודאי זײַנען פאַראַנען קינסטלער, וועלכע האָבן שוין פריער אויך געהאַט ממשותדיקע פאַרדינסטן פאַר דער ליטעראַטור פון זײער לאַנד, און דאָך האָבן זײ וועזנטלעכס געשאַפן, זײַענדיק אינספּירירט פון דעם קריג. נאָר דידאָזיקע גיבן על פּי רוב נישט די מלחמה גופא, נאָר אַ ר ו ם דער מלחמה. און זײ גיבן עס סימבאָליש אָדער אין היסטאָרישער פּערספּעקטיוו.